# אנווייזונגען פאר די פעדעראלע עלעקשאן




באזוכט elections.ca פאר די אפיציעלע אינפארמאציע אויף וואלן און די געזונטהייט און זיכערהייט מאסנאמען וואס זענען איינגעפירט

**elections.ca / TTY 1-800-361-8935 / 1-800-463-6868**

Elections Canada
EC 90332-YID (02/2021)

# אייער געזונטהייט און זיכערהייט איז אונזער פריאריטעט

**ביי אייער פאלינג סטאנציע, וועלן וואל ארבעטער טראגן מאסקס.**
**עס וועלן אויך זיין:**



האנט סאניטייזער סטאנציעס




קלארע פיזישע דערווייטערונג
צייכנס



נאר איין וואל ארבעטער פער
טישל מיט א גלאזערנע טיילונג

**וועט איר גייט שטימען, פארגעסט נישט:**



טראגט א מאסק



מיר וועלן אייך צושטעלן אן
איינצלנע-באנוץ בליי צו צייכענען
אייער שטים-צעטל, אדער קענט
איר ברענגען אייער אייגענע
פענע אדער בליי




פירט זיך מיט פיזישע
דערווייטערונג דורכן פארבלייבן
אמווייניגסטנס צוויי מעטער
אוועק פון וויילער און וואל
באאמטע

**אויב איר האט געטעסט פאזיטיוו אדער איר האט סימפטאמען פון COVID-19, אדער אויב איר זענט געווען אין באריגרונג מיט איינער וואס האט דעם ווירוס, באזוכט elections.ca זיך איינצוגעבן צו שטימען דורך פאסט.**

---

דער בראשור איז אווילעבל אין פארשידענע שפראכן אויף **elections.ca**.
פאר אנדערע פארמאטן, אזויווי ברעיל, גרויסע ווערטער און DAISY, רופט אונז אויף **1-800-463-6868** אדער **1-800-361-8935 (TTY)**.

# מאכט זיכער אז איר זענט רעגיסטרירט צו באקומען א וויילער




**אויב זענט איר רעגיסטרירט**, וועט איר באקומען א וויילער אינפארמאציע קארטל אויף פאסט נאכדעם וואס די וואלן ווערן פאררופן. עס וועט אייך זאגן וואו און ווען איר קענט שטימען. ברענגט מיט דעם קארטל מיט אייך, צוזאמען מיט אן אנגענומענע ID, צו מאכן דעם שטימען פראצעדור גרינגער.

**אויב איר האט נישט באקומען קיין קארטל, אדער אויב די אינפארמאציע דערויף איז נישט ריכטיג**, איז מעגליך אז איר זענט נישט רעגיסטרירט אדער אז אייער וויילער אינפארמאציע איז נישט אפ-טו-דעיט. באזוכט **elections.ca** זיך צו רעגיסטרירן אדער אפדעיט'ן אייער אדרעס, אדער רופט אונז אויף **1-800-463-6868** אדער **1-800-361-8935 (TTY)** פאר הילף. איר קענט זיך אויך רעגיסטרירן אדער אפדעיט'ן אייער וויילער אינפארמאציע ווען איר גייט שטימען.

## זיך צו רעגיסטרירן און צו שטימען אין די פעדעראלע עלעקשאן, מוזט איר:

- זיין א קאנאדישע בירגער
- זיין אמווייניגסטנס 18 יאר אלט אויפן עלעקשאן טאג
- אויפווייזן אייער אידענטיטעט און אדרעס

# וועגן צו שטימען

**איר קענט שטימען כמעט סיי וועלכע צייט דורכאויס די עלעקשאן טערמין.**

קלויבט אויס די שטימען אפציע וואס ארבעט דאס בעסטע פאר אייך.

באקוקט אייער **וויילער אינפארמאציע קארטל** צו זען ווען און וואו איר קענט שטימען.

## 1 אויפן עלעקשאן טאג

אייער באשטימטע פאולינג סטאנציע וועט זיין אפען פאר 12 שעה (שעות זענען געוואנדן אין די געגנט).

## 2 אויף פאראויס-שטימען טעג

אייער באשטימטע פאלינג סטאנציע וועט זיין אפען פון 9:00 a.m. ביז 9:00 p.m. אויפ'ן פרייטאג, שבת, זונטאג, און מאנטאג די וואך בעפאר די עלעקשאן טאג.

## 3 דורך פאסט

געבט זיך איין ביז דעם דינסטאג פאר די עלעקשאן טאג אום 6:00 p.m. איר וועט שטימען נוצענדיג די ספעציעלע שטים-צעטל פראצעדור. מאכט זיכער אז מיר באקומען אייער געצייכנטע שטים-צעטל **ביזן עלעקשאן טאג**, אדער קען עס מעגליך נישט גערעכנט ווערן. באזוכט **elections.ca** פאר מער אינפארמאציע אויף דעדליינס און צו זען אויב שטימען דורך פאסט איז דער ריכטיגער אויסוואל פאר אייך.

## 4 ביי סיי וועלכע עלעקשאנס קאנאדע אפיס דורכאויס קאנאדע

גייט צו סיי וועלכע עלעקשאנס קאנאדע אפיס דורכאויס קאנאדע ביז דעם דינסטאג פאר די עלעקשאן טאג, אום 6:00 p.m. איר וועט שטימען נוצענדיג די ספעציעלע שטים-צעטל פראצעדור. נאכדעם וואס די עלעקשאן ווערט פאררופן, באזוכט **elections.ca** אדער רופט אונז צו טרעפן אייער נאנטסטע עלעקשאנס קאנאדע אפיס.

איינמאל איר האט זיך איינגעגעבן צו שטימען דורך פאסט אדער ביי אן עלעקשאנס קאנאדע אפיס, איז עס די **איינציגסטע** וועג ווי אזוי איר קענט שטימען אין דעם עלעקשאן.

# האט אייער ID גרייט צו שטימען

**איר האט דריי אפציעס צו אויפווייזן אייער אידענטיטעט און אדרעס.**
כדי צו שטימען, מוזט איר זיין א קאנאדישער בירגער און אמוויינינגסטנס 18 יאר אלט אויף עלעקשאן טאג.

## אפציע 1



**ווייזט איינע פון די סארטן ID**

- אייער דרייווערס לייסענס
- סיי וועלכע אנדערע קארטל ארויסגעגעבן דורך א קאנאדישע רעגירונג (פעדעראלע, פראווינציאלע/טעריטאריאלע אדער לאקאלע) מיט אייער בילד, נאמען און יעצטיגע אדרעס

**אדער**

## אפציע 2



+



**ווייזט צוויי סארטן ID**

ביידע מוזן האבן אייער נאמען און אמווייניגסטנס איינס מוז האבן אייער איצטיגע אדרעס.

**ביישפילן:**

- ווייטער אינפארמאציע קארטל און באנק סטעיטמענטס
- יוטיליטי ביל און סטודענט ID קארטל

**איר האט נישט אזוינס? נישט קיין פראבלעם!**

עס זענען פאראן נאך אנגענומענע סארטן ID. זעט די פולע ליסטע אויף **elections.ca**

**אדער**

## אפציע 3



+



**אויב איר האט נישט קיין ID**

קענט איר נאך אלץ שטימען אויב איר דערקלערט אייער אידענטיטעט און אדרעס שריפטליך און איר האט איינער וואס קען אייך און וואס איז באשטימט צו אייער פאלינג סטאנציע צו וואוטש'ן פאר אייך.

דער וואוטשער מוז קענען אויפווייזן זיין אדער איר אידענטיטעט און אדרעס. א מענטש קען וואוטש'ן בלויז פאר איין מענטש (אויסער אין לאנג-טערמיניגע קעיר אינסטיטוציעס)

# ווײלער הילף געצייג און סערוויסעס



**אלע עלעקטאָראַס זענען באַשטימט צו פאַלינג סטאַנציעס פאַר עלעקשאַן טאָג און פאַראױס-שטימען טעג.** נאָכדעם וואָס די עלעקשאַן ווערט פּאַררופן, מאַכט זיכער אַז אייער באַשטימטע פאַלינג סטאַנציע קומט נאָך אייערע אַקסעסיבילִיטי געברויכן. אויסצוגעפינען ווי אַקסעסיבל עס איז:

- קוקט אויף אייער ווײלער אינפאָרמאַציע קאַרטל
- באַזוכט **elections.ca** און לייגט אייער פּאָסטעל קאָוד אין די ווײלער אינפאָרמאַציע סערוויס קעסטל, אָדער
- רופט אונז אויף **1-800-463-6868** אָדער **1-800-361-8935 (TTY)**.

אויב איר האָט זאָרגן איבער די אַקסעסעבילִיטי פון אייער באַשטימטע פּאָולינג סטאַנציע, רופט אונז אויף **1-800-463-6868** אָדער **1-800-361-8935 (TTY)**.

צו פאַרלאַנגען ווײלער הילף פון פאָראױס, אַרײנגערעכנט שפּראַך און שטום לשון דאָלמעטשונג, רופט די עלעקשאַנס קאַנאַדע אָפּיס אין אייער געגנט ביז דעם דינסטאָג פאַרן עלעקשאַן טאָג, 6:00 p.m..

---

## ווײלער הילף געצייג און סערוויסעס אויפן עלעקשאַן טאָג



**גרעסערע שטים-צעטל** מיט קאַנדידאַטן נעמען אין **גרויס ווערטער**



**שפּראַך און שטום-לשון דאָלמעטשונג** (אַנדערע הילף **אויב מען פאַרלאַנגט פון פאַראויס**)



**גרויס-דרוק** און **ברעיל ליסטעס** פון קאַנדידאַטן



**הילף מיטן צייכענען אייער שטים-צעטל**
(בּרענגט איינעם וועמען איר קענט אָדער בעט אַן עלעקשאַן אַרבעטער)



**טאַקטייל און ברעיל שטימען טעמפּלעיטס**



**גרויס גריפּ פענסיל**
(באַגרעניצטע מאָס)
איר קענט אויך ברענגען אייער אייגענע פענע אָדער בלײַ



**פאַרגרעסערונג גלעזער (4X)**



**אונטערשריפט געהילף**

**באַמערקונג:** ברעיל ליסטעס פון קאַנדידאַטן זענען נאָר אַוועילעבל אויפן עלעקשאַן טאָג. גרויסע דרוק איז אַוועילעבל אויף פאַראויס-שטימען טעג און אויף עלעקשאַן טאָג.